**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** **גאווערנער קעטי האקול**
2/25/2022

## גאווערנער האקול באלייכט ניו יארקע וויכטיגע געביידעס אין סאלידאריטעט מיט דעם אוקראינישן פאלק

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט געביידעס וועלן באלאכטן ווערן בלוי און געל היינט נאכט, פעברואר 25 ביז זונטאג, פעברואר 27, אין סאלידאריטעט מיט דעם אוקראינישן פאלק. ניו יארק בלייבט ווייטער אין פארבינדונג מיט די ביידן אדמיניסטראציע און איז גרייט צו שטיצן פליטים פון דעם קריזיס און [זיי אויפנעמען אין די סטעיט].

"ניו יארק איז די שטאלצע היים פון די גרעסטע אוקראינישע באפעלקערונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און מיר פארדאמען די אומרעכטיגע און אוממאראלישע געוואלדלטאטן וועלכע ווערן דורכגעפירט קעגן דעם אוקראינישן פאלק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר שטייען אין סאלידאריטעט מיט די אין ניו יארק וועלכע פארכטן זיך פאר זייערע פאמיליע און באליבטע, און אונזערע תפילות גייען ארויס פאר די אומשולדיגע קורבנות אזוי ווי זיי קעמפן צו היטן אויף זייער פרייהייט אלץ א זעלבסטשטענדיגע פאלק און לאנד."

די געביידעס וועלכע וועלן באלאכטן ווערן אין סאלידאריטעט מיט דעם אוקראינישן פאלק רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָ בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויעדאָקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייננגאנג
- פעירפּאָרט ליפט בריק

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418